# פרשת בלק 5757

משה האָרוויץ mhorwitz@compuserve.com

אַ פּאָר ווערטער אַרײַנפֿיר. מיט עטלעכע יאָרן צוריק האָט אונדזער זון געפֿרעגט: וואָס איז די זאַך מיט פּרוסט? ווען איך האָב געליינט די קאָמענטאַרן, מערסטן טייל הירסצה און פּלאַוט, האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז מע קען ניט איבערגעבן קיין "זאַך" מיט בלק. אַבער וואָס איז מיר געווען אינטערעסאַנט בײַם לענען, קען איך יאָ איבערגעבן.

בלק איז אַן אינטערעסאַנטע פּרשה צוליב פּאַראַלעלן מיט יִציִעס מצרים (ווי אַזוי גאָט גיט איבער אַ נבֿיא, און אונז פּראָסטע ייִדן זײַן ווילן), צוליב דעם פֿיגור פֿון סם באַלאַם, צוליב די איבערחזירונגען מיט ענדערונגען אין די פּרטים וועגן וואָס די רבנים האָבן אינטערעסאַנטע באַמערקונגען, און צוליב דער שפּראַך. (למשל: ווען בלקס אויגן ווערן אויפֿגעעפֿנט, און ער זעט דעם מלאַך, ווערט עס אויסגעטײַטשט אַזוי: "האָט ער זיִקה גענאַיגט" [he prostrated himsefl]. נלבקף תזחפ בת ימ לסהונ קדושה עס מאַינט "he prostrated himsefl to his nostrils", אַ ביסל שטאַרקער!)

איך וויל רעדן וועגן צוויי מאָמענטן אין פּרשה. אײַנס איז פֿון דעם ערשטן רײַדע, וועגן די באַזונדערהייט פֿון ישׂראל (איך ציטיר אין קאָנטעקסט):

ווי זאָל איך שילטן<br>
וועמען גאָט שילט ניט?<br>
און ווי זאָל איך פֿלוכן<br>
וועמען אַדאָנוי פֿלוכט ניט?<br>
וואָרום פֿון שפּיץ פֿון די פֿעלזן זע איך אים,<br>
און פֿון די הײַכן קוק איך אים אָן.<br>
זע אַ פֿאָלק וואָס רוט באַזונדער,<br>
און רעעכנט זיך ניט טווישן די אומות,<br>
ווער האָט געצײַלט דעם שטויב פֿון יעקבֿ?<br>
און באַרעכנט דעם זאָמען פֿון ישׂראל?<br>
זאָל שטאַרבן מײַן זעל דעם טויט פֿון די רעכטפֿאַרטיקע,<br>
און זאָל מײַן סוף זײַן ווי זײַנער!

אַ פֿאָלק וואָס רוט באַזונדער און רעקנט זיך ניט צווישן די אומות: פֿון אײַן זײַט (לויט פּלאַוטן) מײַנט דאָס אַז מיר זײַנען אַ פֿאָלק וואָס וויל זײַן אַ קדוש פֿאָלק, וואָס איז גרייַט צו ווינען לויט גאָץ ווילן און זײַן ווילן, און דורך מענטשליכן טײַטיקייט ברענגען אַ בעסערע וועלט. אָבער אין אונסער צײַט כמעט אַלע פֿון די מאָמענטן זײַנען ניט מאָמענטן וואָס פֿאַרײַניקן אונס ווי אַ פֿאָלק. נײַן, ייִדן האָבן פֿאַרשידענע מײַנונגען וועגן זײַ (אָדער עס אַרט זיי נישט, סײַ דאָ אין אַמעריקע, סײַ אין ארץ ישׂראל). און דאָס אַנדער זײַט פֿון "לעבן באַזונדער" איס פֿאַרבונדן מיט דעם געטאָ, ניט באַטײַליקן אין לעבן פֿון געסעלשאַפֿט, און מיט אַנטי-סעמיטיזם. אָבער ס'איז אינטערעסאַנט אַז דער קאָנטעקסט פֿון די ווערטער אויכעט האָט אַ שײַכות צו אונזער הײַנצײַטיקע דיסקוסיִעס. איך לײַן: ווער האָט באַשטימען דעם שטויב פֿון יעקבֿ און באַרעכנט די זאָמען פֿון ישׂראל און איך דערמאָן זיך וועגן ווי אַזוי אין אַמעריקע מיר שרעקן זיך אַז מיר וועלן זיך פֿאַרשווינדן (זעט דעם אַרטיקל אין זשורנאַל "Are American Jews Disappearing?", New York. לויט מײַן מיינונג האָבן די ווערטער "די זאָמען פֿון ישׂראל" ניט קיין שײַכות מיט סטאַטיסטיק. (אין 1950 יאָר זענען געווען 5.5 מיליִאָנען ייִדן אין אַמעריקע און הײַנט כמעט די זעלבע.) אָבער ווי אַזוי מיר פֿאַרשטייען ייִדישקייט און וואָס עס מײַנט צו זײַן אַ ייִד, דאָס איז וואָס האָט געענדערט.

מיר האָבן נישט קיין צוגעגרייטע ענטפֿערס (עטלעכע גרופּעס און מענטשן, האָבן יאָ ענטפֿערס, אָבער דאָס פֿאָלק ניט), אָבער מיר זײַנען מסכּים אַז אונזער קיום האָט צו טון מיט דאָס ווילן פֿון גאָט און מיט וואָס מיר אַלײַן טוען ווי ייִדן.

די צווייטע אינטערעסאַנטע פֿראַזע אין פּסוק פֿאַר מיר איז געווען:

ווי שיין זײַנען דײַנע געצעלטען, יעקבֿ,<br>
דײַנע ווױנונגען ישׂראל

די ריידע איס אַ גרויסע. ס'איז אינטערעסאַנט וואָס מיר זינגען דאָס ווען מיר קומען אַרײַן אין שול, אָבער מיר פֿאַרגעסן

אַס דאָס איס אַ טייל פֿון אַ פּרעכטיק שיַין בילד — אָבער אין פֿאַרבינדונג מיט אַ בילד פֿון דעם וואָס ועט זיַין מיט די סוינעס פֿון ישׂראל:

ער וועט פֿאַרצערן די פֿעלקער, זיַינע פֿיַינט,
און זיַיערע ביַינער צעקנאַקן

און אַזוי וויַיטער. ס׳ז אַ פֿראַגע: צי איז אונזער צוקונפֿט היַינט פֿאַרבונדן מיט דעם אַז גאָט זאָל צעשטערן אונזער פֿיַינט? בילעם האָט אַזוי געזאָגט אין זיַין ציַיט. אָבער וואָלט גאָט אַזעלכע ווערטער איבערגעגעבן היַינט דורך אים אָדער אַן אַנדערן נבֿיא?